Digitaliseret af / Digitised by

DET KONGELIGE BIBLIOTEK

THE ROYAL LIBRARY

København / Copenhagen

**Title:**
Letter from
Comité Central de Bienfaisance Juive en Lithuanie
to
Joint Distribution Committee
**Corporate sender:**
(Kaunas; Kovno, Lithuania)

(Kaunas; Kovno, Lithuania)

(Kaunas; Kovno, Lithuania)

(Kaunas; Kovno, Lithuania)

**Recipient:** Joint Distribution Committee
(New York, United States)

Central Relief Committee
(New York, United States)

**Resource type:** text
**Extent:** 5 pp.
**Languages:** yi
1919-08-21
**Id:** dsa_com-czu_0002.tif
**Related:**

I,234

COMITÉ CENTRAL
de Bienfaisance Juive en Lithuanie.
KOVNO.

ועד התמיכה המרכזי העברי בליטא.
קובנה.

21 אווגוסט 1919.

צום צענטראלען הילפסקאמיטעט אין א מ ע ר י ק א.

אדאנק דער ליבענסווירדיגקייט פון דער הינער אמעריקאנישער מיסיע, האבען מיר דעם ערשטען מאל זייט דער צענטראלער הילפסקאמיטעט פאר ליטע עקזיסטירט אין קאוונא די מעגליכקייט אייך צו שרייבען. און וויל דאס איז דער ערשטער מאל, מוזען מיר גענויער און אויספירליכער בעריכטען איבער דעם גאנצען גאנג און ארט פון אונזער טעטיגקייט.

די פאליטישע לאגע האט געבראכט דאצו, אז דער צענטראלער הילפסקאמיטעט פאר ליטע זאל אין קאוונע איבערגעטראגען ווערען, אדער ריכטיגער געזאגט פון דאסניי געגרינדעט ווערען. מיר האבען פון צ. ק. אין ווילנא, איידער ער איז ליקווידירט געווארען, קיין זאך ניט בעקומען. קיינע מאטעריאל און פראקטישע ידיעות, וואס זאלען אונז דינען אין אונזער ארבייט, און ווער רעדט שוין וועגען הילפע עס איז געלד-מיטעל אויף א התחלה. מיט גאנץ ליידיגע הענד, אן ערפאהרונג, און ווי בלינדע טאפענדיג אהאנד, האבען מיר אונזער שווערע אויפגאבע אויפגענומען, צוליעב דעם צוועק איז אונזער רב, הגאב"ד א.ב. שפירא, געפאהרען פאר פסח אין אויסלאנד און אין דער שווייץ, אום צו געבען דער זאך דעם געהעריגען אימפולס און לאזען עס אין גאנג. פון זיין רייזע איז אייך געוויס בעקאנט, וויל ער האט זיך פון דארט געזעצט מיט אייך אין א אונמיטעלבארע פערבינדונג. און אדאנק זיין מיה, האבען מיר פאר פסח אין אפריל די ערשטע געלדזענדונג 249.209.07 מארק דורך האאג בעקומען. נאך אין דער אבוועזענהייט פון רב, וועלכער האט גענומען די גאנצע זאך צו ארגאניזירען, האבען מיר אפיל שטעט און שטעטלאך ווי אויך די ישיבות ארויסגעגעבען אוואנסען ביז די גאנצע ארבייט וועט גערעגעלט ווערען, וויל די נויט איז פאר פסח געווען גרויס און מען האט ניט געקענט אפלייגען. אונטערדעסען איז אין מאי מאנאט א צווייטע סוממע פון 199.600 מארק פון האאג איינגעטראפען. ווען דער רב שפירא איז צוריקגע-

קומען פון זיין רייזע, האט ער אויף זיך די איניציאטיווע גענומען צו רופען
א קאנפערענץ פון פארשטייער פון אלע קרייז-קאמיטעטען אום צו קאנסטרואירען
א צ.ק., פארטיילען די ביזהער אנגעקומענע געלד און קלייבען א שטענדיגען
פרעזידיום. צוליעב די שווערע און אומפינקטליכע פאסט- און באהן פערקעהר
האט געמוזט דויערען א לענגערע צייט ביז דער צוזאמענפאר האט געקענט פאר-
קומען. אין דער צייט האט צום ערשטען מאל ה. דר"ב א נ ע ן פון ווארשא גע-
בראכט אהער נאך א סומע פון 150.000 רוסישע רובעל, אויסערדעם האט ער האט
איבערגעגעבען דעם רב שפירא א ספעציעלע הילף פאר ישיבות און נויטבאדערפ-
טיגע רבנים. די אלע 3 סוממען האבען געמוזט א קורצע צייט בלייבען אומפארנוצט
ביז דעם צוזאמענפאר, ווייל מיר האבען זיך בשום אופן ניט געפונען בארעכטיגט
צו מאכען א חלוקה אליין, ניט בעראטענדיג זיך און אויסהערען די לאגע און
מיינונג פון דער פראווינץ דורך אירע פארשטייער. און אין יענער סטאדיע וואו
מיר האבען געהאלטען, ד.ה. בויענדיג אונזער גיגאנטע געביידע און ניט וויסענ-
דיג אויף וואס פאר א שטח אין דער לענג און ברייט מיר וועלען זיך פארנעמען,
האבען מיר געהיים געמוזט ווארטען אויף פארשטייער פון דער פראווינץ. מיר הא-
בען געמוזט גענוי פעסטשטעלען וויפיעל שטעט און מיט וואס פאר א בעפעלקע-
רונג זיינען אריין אין קרייז פון אונזער טעטיגקייט. שטיענדיג אויף דעם גע-
רעכטען שטאנדפונקט און וועלענדיג ארדנען די זאך ווי געהעריג, האבען מיר
דורכדעם וואכהער געהאט א פארמאזרף פון ה. שלום א ש, ווען ער איז דא געווען,
אז עס ליגט געלד און ווערט ניט פארטיילט אין א צייט פון אזא נויט. מיר
זיינען אבער פעסט געבליבען ביי אונזער שטאנדפונקט און די פראקטיק האט
אונז איבערצייגט אין זיין גערעכטיגקייט.

ערשט דעם 10 יוני 1919 האט געקענט פארקומען די קאנפערענץ,
וועלכע האט געדויערט 3 טעג און אין וועלכער ס'האבען אנטייל גענומען פאר-
שטייער פון 22 קרייז-קאמיטעטען און וועלכע האבען פארטראטען 159 שטעטלאך.
מען האט אויסגעארבייט אונזער מאדוס פון פארטיילונג, ניט ווי דער וואס איז
געווען איינגעפירט אין ווילנע. מיר האבען זיך אפגעשטעלט אויף א פראפאר-
ציאנעלע פארטיילונג לויט דעם צאל פון די איינוואוינער. דאן נאטירליך האט
מען פעסטגעשטעלט 3 קאטעגאריען און, רעכענענדיג זיך מיט דער לאגע פון
דעם אדער יענעם ארט, ווערט די שטאט אריינגעטראגען אין דער אדער יענער
קאטעגאריע. דער מאדוס פארהיט פון וועלכע עס איז אונגערעכטיגקייטען מצד

I,235

COMITÉ CENTRAL
de Bienfaisance Juive en Lithuanie.
KOVNO.

ועד התמיכה המרכזי העברי בליטא.
קובנה.

פון די קרייז-קאמיטעטן צו די שטעטלאך. יעדע שטעטל וואס שוין אין פאראויס דיפיציט זי באקומט און דער קרייז-קאמיטעט איז אין דעם פרט א שליח, איז אבער אויך פאראנטווארטליך פאר'ן צ.ק. צוצושטעלן יעדן מאנאט גענויע בעריכטן און קוויטונגען פון גאנצן קרייז.

אויף דער קאנפערענץ איז אויסגעקליבן געווארן א שטענדיגער פרעזי-דיום, וועלכער זאל די ארבייט ליטען. נעמענדיג אין אכט, אז די גאנצע ארבייט וועט פאלען אויף די קאמיטעט-מיטגלידער פון קאוונא, האט מען געקליבן 5 מיט-גלידער פון קאוונא און 2 פון דער פראווינץ. און אזוי זיינען אויסגעקליבן גע-ווארן: 1) הגאב"ד א.ב.שפירא, 2) דר" ראבינאוויץ, 3) ה" ל.דאנסקי, 4) ה" יוסף לעווינסאן, 5) ה"א.ראבינאוויץ — פון קאוונא, 6) ה" ז.ראבינאוויץ פון פאנעוועז, און 7) ה"ז.גינזבורג פון קיידאן.

אזוי איז דעם 10 יוני אויסגעשטעלט געווארן די אלע 8 געלדזומען וועלכע האבן צוזאמען בעטראפען 807.992.12 מארק. מיר האבן אין זיין צייט געשיקט א בעריכט פון דער פערטיילונג אין וואס און מיר לייגען דאביי צו א קאפיע.

זעענדיג זיך אין פערבינדונג צום ערשטען מאל מיט אלע אונזערע שטעט און שטעטלאך און בעקומענדיג פון זיי שריפטליכע און מינדליכע מאטעריאל איבער דער לאגע אויפן פראווינץ, איז אונז ערשט קלאר און בולט געווארן דער בילד אין אלע זיינע פארבען. די לאגע אויף דער פראווינץ איז מעהר ווי טרויריג. מיר וועלן זיך ניט אפשטעלן צו געבען וועלכע עס איז שילדערונגען. הערר שלום אש האט געהאט די מעגליכקייט, אין אגאנץ קלענער מאס אפילו, צו זיין א עדות דערפון און ער האט מערטיילוויז איבערגעגעבען אלץ. עס בעניגט נאר צו דערמאנען די ספע-ציעלע לאגע פון די ליטווישע שטעט, וואס האבען מעהר פאר אלעמען געליטען דורכ'ן גרוש וואס האט נאכהער געבראכט צום ענדגילטיגען חורבן פון זייער עקאנאמישן מצב. אומקערענדיג צוריק אהיים און ניט געפינענדיג אפילו אויף אשטיין, בלייבט דעם אידען נאר אנצוקומען צו הילף. און ווי גרויס עס זאל ניט זיין די הילף, איז עס גארניט אום צו קענען אבבויען דעם אידישען ישוב אין ליטע און צו געבען די מעגליכקייט דעם אידען צו נעמען זיך צוריק צו זיין דער אדער יענער פרא-פעסיע, געבען די מעגליכקייט דעם ארבייטער צו פארדינען זיין ברויט דורך דער

אײנענער ארבײט.

ה. שלום אש האט גירעט װעגן א הילפס-אקציע לטובת דעם ליטװישן אידענטום אין א גרעסערען מאסשטאב. דערװײל אבער זײנען מיר, דער צ.ק., אין אינגאנצן פערצװײפעלטער לאגע. דען פון טאג צו טאג װערט, דורך די ענדערונג פון דער פאליטישער און סטראטעגישער לאגע, אונזער טעטיגקײטס-געביט גרעסער. אסך נײע שטעט און שטעטלאך העלפע װערן בעפרײט פון די באלשעװיקעס און געפינען זיך אין א טורא'דיגען מצב, װענדען זיך נאך הילף און מיר זײנען ניט אין דער לאגע זײ צו העלפען. אזוי איז פון 10 יוני ביז הײנטיגען טאג פארגרע-סערט געװארען די צאל שטעטלאך װאס בעקומען פון אונז הילף פון 159 אויף 170. און מיט יעדען טאג מעלדען זיך נײע אבגעלײגטע און פערװארפענע װינקעלאך פון ליטע און בעטען הילף. מיר קענען אבער געבען זײ נאר האפנונגען אויף'ן עתיד.

און יעצט האבענדיג אויף'ן האנד דעם גאנצען מאטעריאל מיט װעלכן מיר אפערירען, װעלען מיר איבערגעהן צו אונזער הײנטיגען געלד-באריכט און זעהן די אונבעדײטענקײט פון די סומען װאס מיר גיבען און װאס מיר קענען געבען, לויט די ערהאלטענע הילפס-סומען.

אין יולי מאנאט האבען מיר בעקומען פון דר. ב א נ ע ן פון װארשע 150.000 מארק פאר'ן מאנאט יוני און 80.000 רוסישע רובעל אויפ'ן חשבון פון מאנאט יולי. דעם 10 יולי איז פארטײלט געװארן די 150.000 פאר יוני. די פארטײלונג איז פארגעקומען לויט דעם זעלבען מאדוס װי פריהער. עס זײנען יא שטעטלאך װאס האבען בעקומען אזעלכע אונטערשײדענדע סומען, אז מיר האבען געשלאסען די 80.000 רוסישע רובעל פאר יולי גארניט אנהויבען פײלען. װען פון 150.000 מארק האט די שטעטל זאמעלאן (סיאדער קרײז) צום בײשפיל בעקומען 2 מארק, האט קען זי שוין בעקומען פון 80.000 רובעל, אין דער צײט נאך װען דער קורס פון רובעל שטײט יעצט אסך נידעריגער װי 1 מארק. עס זײנען דא אונ-זעלינע שטעטלאך, װי איר װעט זעהן פון בײגעלײגטען באריכט, װאס האבען געקרא-גען נאר אײניגע צענדליג מארק. עס איז אפילו קײן גול ניט אין פארגלײך מיט דער נױט.

ארומזעהענדיג זיך װאו מיר האלטען האבען מיר טעלעגראפירט דעם ד'. באנען אין װארשע, אויסערדעם װאס מיר האבען אײנמאל אים געשיקט א באריכט

I,236

אידישער צענטראל
אינטערשטיצונגס קאמיטעט
אין ליטע.
קאוונא

Žydų Centralinis
Pagalbos Komitetas
LIETUVOJE.
Kaunas.

ועד התמיכה
המרכזי העברי בליטא.
קובנה.

פון אונזער ערשטער חלוקה, צו אונזער גרויסען וואונדער האבען מיר נאך ביז היינט קיין ענטפער. די לאגע ווערט פון טאג צו טאג ערגער. די אייגענע רעסורסען ווערן קלענער און קלענער. עס איז געקומען אזוי ווייט אז אין קאוונא האט זיך זייט אייניגע וואכען פארמאכט די צענטראלע קיך וואס האט פרייסגעגעבען ביז 1000 מיטאגען טעגליך. אויך די איבריגע אנשטאלטען האלטען אין זייער בסכנה. עס איז ניט כדאי צו דערמאנען, אז קאוונא האט פון די ביידע חלוקות ניט גענומען מעהר ווי עס קומט איהר לויט איהר פראפארציאן, ניט קוקענדיג אויף דעם וואס קאוונא איז יעצט דער גרעסטער צענטער אין ליטע און האט אסך אנשטאלטען מיט גרויסע הוצאות, וואס בעדינען טיילווייז אויך דער פראווינץ.

אין בעטראכט נעמענדיג זיך אין אזא לאגע, מוזען מיר אונז ווענדען צו דעם צענטראלען הילפס-קאמיטעט אין אמעריקא מען זאל קומען צו הילף אין א גרעסערן מאסשטאב דעם ליטווישען יודענטום, וועלכעס עקאנאמישער מצב איז קא-טאסטראפאל.

די נויט צווינגט אונז לײדער צו ענדיגען מיט די הערטערן
מיר שטארבען !

מיטגלידער פון צ.ק.

הענדען זיך צו אונז און באלד זענדען
ביטע אויך אדרעסע פון אונזער רב
א. שפירא און ה' ל. דאנסקי.

For oplysninger om ophavsret og brugerrettigheder, se venligst www.kb.dk

For information on copyright and user rights, please consult www.kb.dk